Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 131 | Łódź, Poniedziałek, 6 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ב׳ סיון תרצ״ב | № 131 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# טראגישער פליה איבער׳ן אטלאנטיק

## אומגעקומען דער לופט-פליהער, סטאניסלאוו הויזנער

לאנדאן, 5. (ספ. טעל.)

דא הערשט די מיינונג, אז דער לופט-פליהער הויזנער איז אומגעקומען.

שוין אדורך 53 שעה זינט ער איז ארויס-געפלויגען פון אמעריקא, און פון איהם זענען נישטא קיין ידיעות.

מחמת דער בענזין-זאפאס איז ביי איהם געווען אויף קנאפע 50 שעה איז אויסגעשלאסען, אז ער זאל נאך ווייטער פליהען.

וואשינגטאן, 5. (ספ. טעל.)

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער יודיש פוילישער לופט-פליהער סטאניסלאוו הויזנער איז אראפגעפאלען ביי די ברעגעס פון ניופאונדלענד און אומגעקומען.

ער איז אריינגעפאלען מיט׳ן עראפלאן אין ים.

ווייטערע פרטים פעהלען.

די אמעריקאנישע רעגירונג פיהרט אנ׳אויס-פארשונג געגען די, וואס האבען דערלויבט הויזנער׳ן צו פליהען.

דער לופט-פליהער טשעטשערלען האט גע-ווארענט, אז מ׳זאל איהם נישט דערלויבען צו מאכען די געפעהרליכע לופט-רייזע איבער׳ן אטלאנטיק, ווייל ער האט איהם געהאלטען פאר נישט פעהיג די אדורכצומאכען.

## שעף פון פוילישען גענעראל-שטאב ארויסגעפאהרען קיין רומעניען

ווארשא, 5 (ספ. טעל.) פון ווארשא איז היינט ארויסגעפאהרען קיין רומעניען דער שעף פון פוילישען גענעראל-שטאב, גענעראל גאנשינ-ראווסקי.

דער וויזיט טראגט אנ׳אפיציעלען כאראקטער.

## דאנציג פאדערט אוועקצונעהמען די פוילישע באהן-דירעקציע

דאנציג, 5. (טעלעפאניש) דער דאנציגער סענאט האט איבערגעגעבען דעם פוילישען גענעראל-קאמיסאר אין דאנציג, דעם מיניסטער ד״ר פאפע, א נאטע, אין וועלכער ער, דער סענאט פעררופט זיך אויף דער דעציזיע פון דעם הויכען קאמיסאר פון פעלקער-בונד פון 12. דעצעמבער 1922, און אויף דער רעזאלוציע פון פעלקער-ליגע-ראט פון 13. מערץ 1925, און פא-דערט איבערצוטראגען די דאנציגער באהן-דירעקציע פון דאנציג ארויס אויפ׳ן פוילישען טעריטאריום ביז׳ן 31. דעצעמבער ה. י.

די דאזיגע נאטע איז א המשך פון דער סיסטעמאטישער אקציע מצד דער דאנציגער נא-ציאנאליסטישען סענאט, וואס האט די כונה אפ-צוקניפען פוילען פון דאנציג — מעג עס זיין אפילו, ווען דאנציג זאל דערביי ווירטשאפטליך אבסאלוט ליידען.

## היטלער פאדערט פונאנדערצולאזען דעם רייכסטאג



די געבוידע פון רייכסטאג אין בערלין



דער נייער רייכסקאנצלער פאפען פער-לאזט דעם רייכסטאג.

## פראנקרייך זאל נישט ענדערן איהר אויסערן-פאליטיק

פאריז, 5 (ספ. טעל.) דער פראנצויזישער פרעמיער הערי׳א האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט בערטעלאן און דערנאך מיט׳ן פראנצויזישען אמבאסאדאר אין בערלין, פלעורא.

און גוט אינפארמירטע קרייזען, האלט מען, אז דער נייער קאבינעט וועט נישט איינפיהרען קיין ענדערונגען אין דער אויסלענדישער פאליטיק.

# בלאק פון סאציאליסטען מיט קאמוניסטען ווערט געשלאסען צו די וואהלען אין דייטשלאנד

בערלין, 5 (ספ. טעל.) עס ווערט גע-שלאסען א וואהל-בלאק צווישען די סאציאל-דעמא-קראטען און די קאמוניסטען אין דייטשלאנד.

דער דאזיגער פאקט האט א גאר וויכטיגע אינטערנאציאנאלע בעדייטונג, ווייל דאס איז דאס ערשטע מאל נאך דער מלחמה, ווען עס זאל צו-שטאנדקומען אזא בלאק.

## א נייער נישט-דערגאנגענער אטענטאט אויף מוסאליני׳ן

רוים, 5 (ספ. טעל.) לעבען דעם ווע-נעציאנישען פלאץ האט מען פערהאלטען א מאנס-פערשוין מיט א פאלשען פאס אויפ׳ן נאמען: אני-געלא גאלדיני, וועלכער איז אהער געקומען פון דער שווייץ.

בעת דער רעוויזיע האט מען ביי איהם געפונען 2 באמבעס פון א גרויסער אויפרייס-קראפט, און אנ׳אנגעלאדענטען רעוואלווער.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דער ארעסטירטער הייסט סבארבעלאטא אנגעלא.

ער זאל האבען געפלאנט אנ׳אטענטאט אויף מוסאליני׳ן, וועלכער אממירט, כידוע, אין פאלאץ אויפ׳ן ווענעציאנישען פלאץ.

## מעסע פון פויפסט פאר דער בעקעהרונג פון יודען צים קריסטענטום

לאנדאן, (יט״א) די קאטוילישע פרעסע טיילט מיט פון רוים, אז דער פויפסט האט אבגעריכט א מעסע מיט דער כוונה צו בעקעהרען יודען צום קריסטענטום. א מעסע מיט דער זעלבער כוונה האט אבגעריכט אין פאריז דער קארדינאל ווערדיע. נאך דער מעסע האט ער געגעבען זיין ברכה 50 געשמד׳טע יודען.

# פאן פאפען׳ס רעגירונג בערוהיגט די יודישע בעפעלקערונג

## נייער הויכער מלוכה-בעאמטער איז א נאהענטער פריינד פון פראפ. איינשטיין

בערלין, 5. (יט״א טעלעגראפיש). פון נייעם מיניסטארען-קאבינעט אין דייטש-לאנד, בעט מען דעם יט״א-פארשטעהער אין בער-לין צו בערוהיגען די יודישע בעפעלקערונג, אז די יודישע בעפעלקערונג דארף זיך נישט בעאונרוהי-גען. ס׳איז גענוג אנצווייזען, אז א גרויסער טייל פון די ניי-נאמינירטע הויכע מלוכה-בעאמטע זענען בעקאנט מיט זייער יודענפריינדליכקייט, אזוי איז דער נייער מלוכה-סעקרעטאר פלאנק, א נאהענטער פריינד פון פראפעסאר איינשטיין. א צווייטער הוי-כער בעאמטער קאופמאן איז פון יודישער אפשטא-מונג. די נייע רעגירונג — האט מען ווייטער ער-קלערט דער יט״א, וועט בעקעמפען אלע אנטיסעמי-טישע ארויסטרעטונגען.

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% בילליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געפינט זיך נאר

אין פראנט, II שטאק

אויפפאדערונג!

איך פאדער אויף דעם שותף פון דער „שלאנסקא עקספעדיציא" אין לאדז, ציגעל-גאס 8, ר׳ אברהם עהרליך פון קיעלץ, דעם שווא-גער פון ה׳ קליינלעהרער, מיר אבצוגעבען דאס געלד, וואס ער האט ביי מיר געבארגט אלס גמ״ח, אין מ׳ פון 3 טעג.

פארעצקי.

פאר גאלד, בּיזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7. 3520

Z intencji zaręczyn

p. STANISŁAWA KLAJNA

z panną HELĄ KOTLICKĄ

(Częstochowa)

życzy wiele szczęścia i różowej przyszłości.—

Jakóbostwo Guterman, Łódź.

